Call no: B. (NS)PP548

Author: Tehinot. 1700.

Title: Dizeh ... tehinah ... di vayber zogen an R.H. ve-Y.K. ... alenu le-shabeah ....

כותר: דיזה ... תחינה ... דיא ווייבר זאגן אן ר"ה וי"כ ... עלינו לשבח ...

Imprint: [Europe : s.n., 17--]

Collation: 1 broadside : ill. (border design) ; 21 x 18 cm.

הערות: סוג הגליון: תחינה. תחילת התפילה: עלינו לשבח. כולל טקסט בשפה האידית.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

דיזה תחינה זאָלין די ווייבר זאגן אן ר"ה וי"כ אין עלינו לשבח
פֿר כורעים ומשתחוים אין די עבודה

**עלינו לשבח** (לאדון הכל) אויף איר (רבש"ע) איז די שולד צו לובן דיין הייליגן נאמן (בחולה) מיט פֿרייד אום צו ביטן, צו גניסן דיין בארמהערציקייט · אויב איך שוין בין פֿול מיט עבירות בעו"ה (בעל הרחמים נקראת ודרך תשובה הורית) ביזט דו דאך בארמהערציג אונד האסט אונז געלערנט דען וועג פֿון תשובה דאס קום איך (רבש"ע) פֿר דיין געכפֿרטן נאמן (והתפלל עלי נפשי ועל עמי) צו ביטן אויף איר אונ' איין מאן אונ' קינדר (בכריעה ובהשתחויה) אונ' פֿאל אויף איין פנים ביראה ווארט צו ביטן דיין הייליגן נאמן (אל אלהי האלהים הקב"ה) דען חסד ווי דו האסט געטאהן איר אונ' מיין מאן אונ' קינדר פֿון יוגנד ביז היינטיגן טאג (אל מלא רחמים) אלזו איך ווייטר דיין גנאד אונ' בארמהערציקייט ניט פֿר לאזין עמפֿאנג מיט רחמים אונזר תפֿלה ווייל יעלינד איין עת רצון מוזט לפֿני כסא כבודיך זאָלט אונזרי עבירות אויך זיין ווי דו האסט פֿר ציכרט צו משה רבינו ע"ה אין די הייליגה צייט (סלחתי כדבריך) דאס זאלסט אויך זיין אונזרי עבירות וועלכי איך מתודה זיין (בלב נשבר ונדכה) זייא מקבל אונזרי תפֿלות (כתפֿלת חנה) די דא האט געזאגט (אשה קשת רוח אנכי) איין פֿרויא מיט בטריבטן ביטר געמיט בין איך (ואל תבוא במשפט לפֿניך) זייא איך גיט דן במשפט (כי לא יצדק לפֿניך כל חי) ווייל קיין מענטש כט זיין מ נט פֿון עבירות · אונ' ווען ח"ו דר (מקטרג) זאלט מתגבר זיין לאז איך גניסן דיין מדה פֿון חסד ורחמים שטיי אויף פֿון כסא הדין ווענט דיך צו כסא רחמים ליבר גאט מאך דר וועגין דיין בארמהערציקייט אויף איר (רבש"ע) אונ' איין מאן אונ' קינדר אונ' וועס מיר אונזרי עבירות ברחמיך הרבים אבל לא על ידי יסורים רעים רבש"ע ווי צו בדעכט איר מיר היינט ווען איך דענק ווי די בית המקדש איז גשטאנדן אונ' דר כהן גדול האט די עבודה געטאהן אין קדשי קדשים דאס איז דר ווייט פֿאן ווייט געווען · דא האבן די ישראל געוויסט איר תפֿלה איז אן גנומן געווען · אונד בעו"ה האבן מיר קיין בית המקדש קיין כהן גדול קיין קרבן אויף אונז מכפר צו זיין האבן מיר גאר קיין מנחה אלז אונזר תפֿלה זא פֿר נעם אונזר תפֿלה ברחמים אונ' גיב מיר אונ' מיין מאן עשירות אלז איך זאל קענן מחזיק זיין לומדי תורה אונ' צו געבן צדקה לעניים ואביונים בסתר אונ' ניט ח"ו אלז איר אונזר עשירות אן ליגן צו גאווה טרייבן אונ' צו הערשן איבר עניים (פותח את ידיך) עפֿן דיין מילטי האנד אונ' שפייז איך אונ' די מייניגה פֿון דיין האנד אב הרחמים יהי רצון לפֿני איין ריד זאל זיין בוויגט פֿר דיר · אונ' ווען ח"ו עטוואס זאלט גרעד האבן וואס ניט רעכט איז (בינה הגיגי) פֿראג איין צו ברעכין גדאנקין וועלכע בטריבט מיט איין וויינן אונ' טרייען אאון זיין פֿר איר אונ' איין מאן אונ' קינדר · אויב איך שוין ניט ווערדיג בין להתפלל על עצמי אבל שכן אויף איין מאן אונ' קינדר · דו האסט אבר פֿר ציכרט עושה חסד לאלפֿים דיין גנאד גיהט אויף פֿיל טויזנט · זא פֿר נעם ווייל תפֿלה אלז איין טרערן ניט לעהר אב צו וויפֿן בווא דיין בית המקדש ביאינו אין אונזר טעג אונדער כהן גדול
זאל עבודה טאהן אין קדשי
קדשים אמן סלה: